# פרשת עקב

## בס"ד. התוועדות כ"ף מנחם-אב תשל"ה

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

וואס ער האט איינגעשטעלט אין סכנה זיין אופן המציאות פון לערנען תורה פאר זיך און מקיים זיין מצוות פאר זיך כדי צו ארויסהעלפן א צווייטן אידן, צווישן זיי אויך אזוינע וואס מ'האט זיי געדארפט באווארענען אין די איינפאכסטע זאכן פון אידישקייט, און ווי ס'איז טאקע דערנאך געווען אז דערפאר איז ער דאך געווען בבית האסורים, וואס דארט איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט אויף לערנען תורה און מקיים זיין מצוות ווי ס'דארף צו זיין,

וואס אע"פ אז אונס רחמנא פטרי', זאגט ער נאך אין ירושלמי אז אעפ"כ כמאן דעביד לא אמרינן, ס'איז טאקע "פטרי'" אבער ניט דער ענין איז דא במציאות,

און מ'האט דאך געוואוסט אז דורך דעריף וואס ער וועט זיך מתעסק זיין פאר כשרות בשלימות ובהידור, ובנוגע צו קמחא דפסחא וכיו"ב, איז עלול, ואדרבה בדרך הטבע האט דאס געדארפט ברייגען צו א מאסר און דערנאך נאך די ווייטערדיקע ענינים, ווי ס'איז טאקע געווען בפועל אז דאס האט דערנאך געשטערט בנוגע צו לימוד עם עצמו, קיום המצוות בעצמו, וואס ס'איז געווארן א מצב וואס אונס טאקע רחמנא פטרי' אבער דער ענין פעלט, און אעפ"כ האט זיך דער בעל ההילולא ניט אפגעשטעלט און האט דאס געטאן מיטן גאנצן שטורעם.

און אט דאס איז דער ענין אויך הוראה פון דעם יום הילולא, אז בשעת מ'איז זיך מתבונן אז ער האט געהאט א מעגליכקייט צו זיצן שטילערהייט און לערנען תורה און מקיים זיין מצוות און פסק'נען שאלות און לערנען תורה און ארויסהעלפן אין מצוות צו די אלע וואס וועלן קומען צו אים, אדער צו די אלע וואס האבן זיך געפונען אין דער קהילה פאר וועלכער ער האט געטראגן די אחריות.

און מ'האט זיך ניט גערעכנט מיט די אלע ענינים און מ'איז געפארן אין עיר הבירה פון דעמאלט (אין מאסקווא) אויף מאכן דארט א שטורעם בנוגע צו כמה ערים און צו כמה מקומות, און מ'האט זיך ניט פארגעשטעלט ווארטן ביז וואנעט מ'וועט קומען אהיים און פרעגן א שאלה אדער א דין, אדער בעטן לערנען – נאר מ'האט מעורר געווען און מעודד געווען אז **מ'זאל** קומען און **מ'זאל** פרעגן, און **מ'זאל** לערנען וכו', מיט די אלע פרטים שבדבר, וואס ס'איז געווען פארבונדן מיט סכנת נפשות כפשוטה, סכנת הגוף, און (וואס איז אפשר נאכמערער נוגע) – פארבונדן מיט סכנת הנפש.

און ווי גערעדט כמ"פ ווי די גמרא זאגט אז בנוגע צו ערי מקלט איז דער גדר אין דעריף דארף זיין וחי בהם, אז תן לו חיותו, אז מגלין רבו עמו, און ווי מ'איז מפרש בפשטות אז אויב א איד וואס איז שייך צו לערנען תורה און מ'שיקט אים אוועק אין א שטאט וואס האט כל טוב, נאר ער האט דארטן ניט קיין מעגליכקייט צו לערנען תורה, איז דאס היפך פון וחי בהם.

ביז אויף אזויפיל אז מ'נעמט א צווייטן אידן און מ'הייסט אים צוליב דעריף זאל ער גיין אין די ערי מקלט, כדי ער זאל קארט זיין – מגלין רבו עמו.

וואס אט דא איז דאך געווען אט דער אופן אז ס'איז געווען דער ענין פון מגלין אותו אפילו אן ספרים, עאכו"כ אין אידן מיט וועמען מ'זאל קענען לערנען אין תורה צי נגלה צי חסידות צי אין קבלה וכו' כידוע די פרטי הדברים,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת עקב

וואס דאס איז א לימוד בנוגע בכלל לכל אחד ואחד ווי ער דארף טאן, אין הפצת היהדות ביז אין א פינה רחוקה, וואס דאס מיינט מען א רחוקה ברוחניות, וואס דאס איז נאכמער נוגע אמאל, ביז אפילו צו די וואס זיי זיינען מלעיגים, דארף מען אויך זען פועל זיין אויף זיי באופן המתאים לפי מצבם הם, און אפילו אז ס'ווייזט זיך אויס אז דאס וועט שטערן צו דער אייגענער שלימות אין תורה ומצוותי', ביז אפילו אז ס'קען זיין אז ס'איז ניט קיין ענין וואס וויזט זיך אויס (אן ענין של דמיון), נאך ס'וועט טאקע אזוי זיין בפועל ווי ס'איז געווען בנוגע צו דעם בעל ההילולא – צו מאסר און דער פארשיקן אים וכו' כידוע די סיפורים און פרטי הדברים.

וואס אט דאס דארף מעורר זיין און מעודד זיין ביז נקודה הפנימית, ביז אין פעולות ממשיות אויף ארויסהעלפן אט די אידן וואס זיינען שוין פון דארט ארויס געגאנגען בנוגע צו העלפן זיי גיין בדרך התורה והמצוה, און בכו"כ מקרים באשטייט אין דעם אז ניט אז זיי וויסן וואס תורה ומצוות איז און מ'דארף פועל זיך ביי וכאמור – בעוונותינו הרבים איז געטאן זייער ווייניק אויף דערויף, אדער נאך אפשר ווייניקער ווי ווייניק.

און ויהי"ר אז עכ"פ מכאן ולהבא, צי מצד דע התעוררות צי מצד אן אנדער התעוררות, זאל מען טאן אין דעם ביתר שאת וביתר עוז, און מיט א ליכטיקן שטורעם, בכל הקוים אלו.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.